פארלאג „די נייע יידישע פאלקסשול“.
סעריע „ביאָגראַפיעס“ № 4.

ש. באסטאָמסקי.

הענרי סטענלי

זיין לעבן און זיינע רייזעס איבער אפריקע.



ווילנע—1921.

דרוקעריי בר. ראָזענטאל, ווילנע, רודניצקער 7.

69/144

פארלאג „די נייע יידישע פאלקסשול"
סעריע „ביאָגראַפיעס" № 4.

ש. באסטאָמסקי.

הענרי סטענלי

זיין לעבן און זיינע רייזעס איבער אפריקע.



ווילנע—1921.

דרוקעריי בר. ראָזענטאל, ווילנע, רודניצקער 7.

BASTOMSKI

HENRY STANLEY

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
OCT 1973

FROM THE INCOME
OF THE BEQUEST OF
LEE M. FRIEDMAN

העני רי סטענלי.

זיין לעבן און זיינע רייזעס.

פון ש. באַסטאָמסקי

דער באַוואוסטער רייזנדער הענרי סטענלי איז געבאָרן געוואָרן אין שטעטל דעמבינג (אין ענגלאַנד) אין יאָר 1847. צו פינף יאָר האָט שוין דער קלײנער דזשאָן (אַזוי האָט מען אים דאַן גערופן) דערפילט דעם טעם פון צרות. זיין פאָטער איז אָפּגעשטאָרבן און די מוטער איז געוואָרן די גאַנצע שפּייזערקע. די לאַגע אירע איז געוועזן זייער אַ געדריקטע און זי האָט זיך געמוזט פאַרדינגען פאַר אַ דינסט.

מיט אַ קינד איז אָבער געוועזן שווער צו באַקומען אַ שטעלע און דעריבער איז די מוטער געצוואונגען געווען מיט אַ ווייטאָק אין האַרצן אָפּרייסן דעם קינד פון זיך און אָפּגעבן אים אויף האָדעוואַניע אין אַ פרעמדער פאַמיליע.

דזשאָנס נייער ערציער, מיסטער פרייס איז געוועזן אַן אַלטער מאַן, זייער אַ בייזער. פאַר יעדער האָר פלעגט ער דעם קינד הרגענען און שלאָגן, ער האָט אים געהאַלטן נאָר צוליב דעם געלט. טאָמער פלעגט די מאַמע אַזױ גיך ניט אַריינטראָגן קיין געלט, פלעגט שוין דער קליינער גלייך דערפילן דעם טעם פון הונגער און קעלט.

אָט די שווערע צייטן אין דער פרעמד זיינען אָבער דעם קינפטיקן רייזנדער שפּעטער זייער צוניץ געקומען.

פון קינדווייז אויף האָט ער זיך שוין צוגעוויינט צו צרות און ס'איז אים שוין לייכטער געווען אַריבערצוטראָגן דחקות און נויט.

די אומגליקלאַכע מוטער האָט געאַרבעט איבער די כוחות. זי האָט געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג — דאָס קינד זאָל קיין הונגער ניט ליידן.

פון דער שווערער אַרבעט איז זי אָבער זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט מער ניט געקאָנט פאַרדינען. אַ קורצע צייט האָט געצאָלט דעם ערציער

דזשאָנס אַ פעטער, נאָר באַלד האָט ער אויך אויפגעהערט צו צאָלן. דאַן האָט מיסטער פרייס אָפּגעשיקט דעם תּלמיד אין אַ אומזיסטן יתומים־הויז, וואו עס האָבן זיך געהאָדעוועט גאַסן־קינדער.

אין משך פון גאַנצן לעבן האָט סטענלי ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם בי־טערן געפיל, וואָס ער האָט געשפירט, בשעת מען האָט אים אָפּגעריסן פון דער וועלט און אַריינגעוואָרפן אין דער פינסטערער קינדער־תּפיסה.

„מע האָט מיך אָפּגענאַרט, דערציילט אונז סטענלי אין זיין אַוטאָביאָ־גראַפיע — מען האָט מיר געזאָגט, אַז מע פירט מיך אין געסט צו אַ מומען... איך בין געגאַנגען זייער גערן. ס'איז געווען ווייט און שווער צו גיין. דער יונג, וואָס האָט מיך געפירט, האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן די טייערסטע זאַכן. ער האָט מיך אַפילו געטראָגן באַראַנטשיק... נאָר אָט זיינען מיר געקומען צו אַ גרויסער געביידע, וואָס איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. דער יונג האָט אַ צי געטאָן אַ גלאָק. באַלד האָט זיך געעפנט אַ פּערטעלע און ס'האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער מענטש, מיט אַ בייזן פּנים. דער דאָזיקער מענטש האָט מיך גענומען פאַרן האַנט און אַריינגעשלעפּט אינעווייניק. איך האָב זיך געריסן מיט אַלע מיינע כּוחות, ער איז אָבער געווען שטאַרקער פאַר מיר. דאָס פּערטעלע האָט זיך פאַרהאַקט און איך בין געבליבן פאַרשפאַרט אַן עלנדער, אַ פאַרלאָזענער"...

ווי אַזוי מע האָט געהאַלטן די קינדער אין דעם דאָזיקן יתומים־הויז אין זיך ביי הײנטיקע צייטן גאָר שווער פאָרצושטעלן. אויף די פאַרוואָרלאָזטע יתומים פלעגט קיינער ניט קוקן. די קינדער פלעגן כסדר ליידן הונגער און קעלט. פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט מען זיי מוראדיק שלאָגן. זיי האָבן קיינמאָל קיין פריינדלאַכן וואָרט ניט געהערט, קיין פריילאַכע מינע ניט געזען.

און זיי פלעגן אויסוואַקסן פאַראומערטע, פאַרביטערטע, פאַרעקשנטע ווילדע חיות, וואָס וואַרטן נאָר אויס די מינוט, כּדי צו ווייזן די ציין זייערע דער פאַרוואַלטער פון הויז איז געווען אַ גוואַלדיקער אַכזר. דזשאָן האָט ניט געקאָנט פאַרליידן ווי מע מאַטערט און מע פייניקט די שטילע און שוואַכע חברים. זייער אָפט פלעגט ער זיך פאַר זיי איינשטעלן און אָננעמען זיך. מע פלעגט אים באַשטראָפן דערפאַר, נאָר ער פלעגט אַלץ אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד. סוף־כּל־סוף איז אים דאָרט געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן און ער איז אַנטלאָפן. אָט ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקו־מען. איינמאָל האָט דער אויפזעער באַמערקט, אַז דער טיש פון שול איז עפּעס צוראַצט, ער האָט געפרעגט, ווער עס האָט דאָס געטאָן. קיינער האָט זיך אָבער ניט אַרויסגערופן. דאַן האָט ער גענומען באַשטראָפן דעם גאַנצן קלאַס־איינעם נאָך דעם אַנדערן. אַז ס'איז דערגאַנגען צו דזשאָנען, האָט ער זיך ניט געוואָלט לייגן. דער אויפזעער איז געוואָרן אַ צעקאָכטער און האָט מיטן גאַנצן כּוח אים אַ שליידער געטאָן אויף דער באַנק. דזשאָן האָט זיך גענומען מיט אים ראַנגלען און האָט אים אַנידערגעוואָרפן. דערנאָך האָט ער געכאַפּט די ריטער און אויסגעלאָזן צו אים דעם גאַנצן כּעס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דער געשיכטע האָט שוין דזשאָן מער אין יתומים־הויז ניט געקאָנט פאַרבלייבן.

ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויפן הויף, איז אַריבערגעקראָכן איבערן פּאַרקאַן און האָט געמאַכט די פּליטה.

שטאַרק האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ ביי דזשאָנען, בשעת ער האָט זיך דערפילט אויף דער פריי. פריילאַך און מונטער האָט ער אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן. ניט געקאָנט אָנקוקן זיך אויף די מענטשן, אויף די מויערן און אויף די פורן. עפּעס ווי אַן אַנדער נשמה וואָלט אין אים אַריין. אַן אַנדער מענטש איז ער געוואָרן.

ניט לאַנג אָבער האָט געדויערט די פרייד זיינע. אין עטלאַכע שעה אַרום האָט ער זיך זייער אויסגעהונגערט און ס'איז אים געוואָרן זייער אומעטיק.

צום גליק האָט ער געטראָפן זיינעם אַ פעטער. דער פעטער האָט אים אַריינגענומען אין שטוב און געגעבן אים עסן.

נאָכן עסן האָט אים אָבער דער פעטער געהייסן גיין.

דאַן איז ער אוועק צו אַ מומען. די מומע האָט אים צוגענומען צו זיך און געמאַכט אים פאַר אַ פּאַסטוך. די דאָזיקע אַרבעט איז אים אָבער זייער ניט געפעלן געוואָרן און ער איז אַוועק פון איר צו זיינעם אַ קרוב אַ לערער. דזשאָן איז שוין דאַן אַלט געווען 14 יאָר. ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום לערנען און לייענען.

דער חשק צום לייענען האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט נאָך דאַן בשעת ער איז געווען אין יתומים־הויז. דער קרוב האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַהעלפער און דזשאָן האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די קינדער. ער פלעגט זיי דערציילן מעשהלאַך, זינגען מיט זיי, שפּילן זיך, די קינדער האָבן אים ליב געקראָגן. פון זיינע לעקציעס האָבן זיי געהאַט מער הנאה ווי פון דעם לערערס.

דעם לערער איז די מעשה ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט אים ניט פאַרגונען דעם גליק און ער האָט אים גענומען געבן גאָר אַנדערע אַרבעט: קערן די הייזער, פּוצן די שטיוול, שטעלן דעם סאַמאָוואַר א. ד. ג.

די שווערע ניסיונות פון די קינדערשע יאָרן, די שטענדיקע עלנדקייט האָבן אים אָבער אויסגעלערנט, אַז מ'טאָר קיינמאָל ניט פאַרלירן דעם מוט, אַז מ'דאַרף קענען רואיק אַלץ אַריבערטראָגן און גלויבן אין די אייגענע כוחות.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך געזעגנט מיטן קרוב און איז אַוועק זוכן גליק ווייט פון זיין געבורטס־אָרט.

גאָר צופעליק איז געקומען זיינע אַ מומע צו גאַסט צום קרוב, דעם לערער. די דאָזיקע מומע האָט געוואוינט אין דער שטאָט ליווערפּול. די מומע האָט אים צוגעזאָגט צו קריגן דאָרט אַ שטעלע און ער איז מיט איר אָפּגעפאָרן קיין ליווערפּול. קיין שטעלע האָט זיך אים אָבער אַזוי גיך ניט געמאַכט און ער האָט שטאַרק געליטן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט אַ קרעמער אויף אים רחמנות געקראָגן און צוגענומען צו זיך אין קראָם. די אַרבעט איז דאָ געווען אַ שווערע, דאָס געהאַלט אַ נישטיקע, אַרבעטן האָט ער געדאַרפט פון 7 אינדערפרי ביז 10 ביינאַכט... די שטעלע האָט ביי אים צוגענומען אַ סך געזונט. דעם באַלעבאָס איז אָבער אַלץ ווייניק געווען און ער האָט אים אַנטזאָגט.

דאָן איז ער אָנגעקומען צו אַקצב און גענומען זיך נאָך פלייסיקער צו דער אַרבעט.

איינמאָל האָט אים דער באַלעבאָס געשיקט אָפּטראָגן אַ פעקל פלייש אויף אַ שיף, וואָס האָט געדאַרפט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

דאָס יינגל איז געקומען אויפן שיף און איז אַריין צום קאַפּיטאַן אין קאַיוטע. דאָ האָט ער מיט גרויס נייגעריקייט גענומען זיך אויף אַלץ אַרומקוקן און וואונדערן זיך.

— וואָס קוקסטו אַזוי? האָט אים דער קאַפּיטאַן געפרעגט — עס גלוסט זיך דיר מסתמא דאָ צו פאַרבלייבן?

— הער קאַפּיטאַן... — האָט זיך דאָס יינגל גענומען פאַרענטפערן.

— כ'מיין ערנסט — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — דו וואָלסט געהאַט חשק מיטצופאָרן מיט אונז?

דזשאָן האָט גענומען זאָגן, אַז ער קען ניט די אַרבעט. דער קאַפּיטאַן האָט אים אָבער גענומען צורייד̇ן, אַז די אַרבעט קען מען זיך גיך אויסלערנען, אַז ער, דזשאָן, קען זיך, מיט דער צייט, אויך דערדינען צו דעם ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, אַז זיי האָבן אויך אַזוי אָנגעהויבן.

דזשאָן האָט שוין פון לאַנג אָן געטראַכט וועגן אַמעריקע. ער האָט זיך אָנגעהערט פאַרשיידענע מעשיות, ווי אַזוי מענטשן ווערן דאָרטן אויף גיך רייך. ביי אים איז שוין געווען פעסט באַשלאָסן, אַז ער מוז אַהין אַוועקפאָרן, דאָרטן רייך ווערן, קומען דערנאָך אַהיים צו דער מוטער און פאַרזאָרגן זי מיט אַ גוטן רואיקן עלטער. ווי קומט אָבער די קאַץ איבערן וואַסער? אַמעריקע איז וויים. אָן געלט קען מען אַהין ניט אַוועקפאָרן. פון זיינע חלומות האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן. זיין געהאַלט איז געווען אַזוי קליין, אַז פון קלייבן געלט האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין. און, אַז ס'האָט זיך געמאַכט די ריכטיקע געלעגנהייט, האָט דזשאָן לאַנג ניט געטראַכט און האָט געגעבן דעם קאַפּיטאַן זיין פולקומע הסכמה.

אין דריי טעג אַרום איז ער שוין געפאָרן קיין אַמעריקע זוכן גליק אין אַ פרעמדן לאַנד. אויפן שיף האָט ער אויך געהאַט אַ היפּשע ביסל צרות. די ערשטע עטלאַכע טעג האָט ער זייער געליטן פון דער ים־קראַנקייט. דער קאָפּ האָט וויי געטאָן, ס'האָט אים כסדר געקערט צום ברעכן, ער האָט געציטערט מיט אַלע גלידער. לאַנג ליגן אויף אַן אָרט האָט מען אים אָבער ניט געלאָזן. מ'האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון זיין באַהעלטעניש און ער האָט זיך געמוזט נעמען צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. די באַציאונג צו אים מצד די מאַטראָסן אַ שרעקלאכע.

מע קען זיך אָבער ניט העלפן. פאַרפאַלן, אַריינגעפאַלן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך אינגאַנצן צוגעוויינט צו דער רייזע אויפן ים און האָט, פאַרקערט, זייער שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם. אַפילו דער צעווילדעוועטער, צעבושעוועטער אָקעאַן האָט אַרויסגערופן ביי אים גיכער פאַרוואונדערונג איידער שרעק. 25 טעג האָט געדויערט די רייזע און אויפן זעקסאונצוואַציקסטן טאָג איז די שיף געקומען צו דער לעפצונג פון דעם טייך מיסיסיפּי, וואו עס געפינט זיך די שטאָט ניי־אָרלעאַן.

דזשאָן איז אַראָפּ פון שיף און איז אַריין אין שטאָט. גלייך האָט ער זיך דערפילט זייער עלנד. אַלץ ארום איז אים פרעמד. ער ווייס ניט וואוהין זיך צו קערן און צו ווענדן. ער זעט הויכע פּילגאָרנדיקע הייזער, דער טומל אַרום איז גרויס. אין אַלע זייטן לויפן משוגענערווייז קאַרעטעס. ער ווערט פאַרלוירן אין אַ שטראָם פון מענטשן. אַלע לויפן, איילן זיך. קיינער האָט קיין צייט ניט. צייט — איז געלט.

„דער וואָס האָט ניט קיין גראָשן ביי דער נשמה — זאָגט סטענלי — מוז אויסקלייבן איינס פון די ביידע: אָדער אַרבעטן אָדער פאַרלאָרן גיין". און ער האָט זיך גענומען זוכן אַרבעט. ער איז גרייט געווען צו טאָן אַלץ, וואָס נאָר עס וואָלט זיך געמאַכט. אין יענעם מאָמענט האָט ער מקנא געווען אַפילו די נעגערס, וואָס האָבן געקערט די הויפן...

וואו קריגט מען אַרבעט? די פראַגע האָט אים רוען ניט געלאָזט. קיינער קען אים ניט, קיינער ווייס אים ניט.

גייענדיק אַזוי פאַרזאָרגט, האָט ער דערזען, ווי עס זיצט זיך ביי אַ לאַגער סחורה עפּעס איינער שוין אַ באַיאָרנטער מענטש, זיצט זיך גאַנץ רואיק און לייענט אַ צייטונג.

דזשאָן איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט געפרעגט, צי דאַרף ער ניט קיין יינגל? דעם אַמעריקאַנער איז משמעות געפעלן געוואָרן די דרייסטקייט פון דעם גרינעם בחורל און ער האָט אים געבעטן עפּעס איבערלייענען און אָנשרייבן.

דזשאָן האָט געפונען חן ביי דעם אַמעריקאַנער אין די אויגן און דער דאָזיקער אַמעריקאַנער האָט אים רעקאָמענדירט אַ גוטע שטעלע. שפּעטער צו האָט אים דער אַמעריקאַנער איינגעלאַדן צו זיך און געגעבן אים עסן און טרינקען. וואָס ווייטער האָט ער זיך אַלץ דערנעענטערט צו דזשאָנען און סוף כל סוף האָט ער אים גאָר צוגעשריבן פאַר אַ זון. פון דאַן אָן האָט אונזער דזשאָן געקראָגן דעם נאָמען הענרי סטענלי.

דריי יאָר האָט הענרי פאַרבראַכט ביי דעם נייעם פאָטער אין הויז און ס'איז אים געווען גוט ווי די וועלט. פּלוצלונג איז דער אַלטער סוחר געשטאָרבן. אַזוי ווי ער האָט קיין צוואה ניט איבערגעלאָזן, האָט הענרי קיין ירושה ניט באַקומען און איז ווידער געבליבן אין גאַס אָן אַ גראָשן געלט.

אין יענער צייט האָט זיך גראָד אָנגעהויבן די מלחמה צווישן די צפונדיקע און די דרומדיקע שטאַטן. די דרומלייט האָבן פאַרלאַנגט, אַז יעדער שטאַט זאָל זיין אַ פרייע באַזונדערע מלוכה. די צפונלייט האָבן געפאָדערט, אַז יעדער שטאַט זאָל בילדן נאָר אַ טייל פון דער גאַנצער מלוכה, וואָס פאַראייניקט אַלע שטאַטן. די דרומלייט האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן און דאָס איז געווען די ערשטע סיבה פון דער מלחמה. חוץ דעם איז געווען נאָך אַ וויכטיקע סיבה. די דרומלייט האָבן געהאַנדלט מיט שוואַרצע קנעכט. יעדער פּלאַנטאַטאָר האָט געהאַט ביי זיך אַ סך נעגערס, וואָס פלעגן אים באַאַרבעטן די פעלדער. די לאַגע פון די שוואַרצע איז געווען אַ מוראדיקע. די באַלעבאַטים פלעגן זיי דריקן און שטיקן, באַגיין זיך מיט זיי ווי מיט בהמות, פאַרקויפן אויף אייביק, צושיידן עלטערן פון קינדער, ברידער פון שוועסטער, מאַנען פון ווייבער.

די צפּונגיקע שטאַטן האָבן געפאָדערט פולע פרייהייט פאַר די שוואַרצע.

סטענלי איז נאָך געוועזן יונג, ער האָט זיך ניט פונאַנדערגעקליבן וועגנס, איז געראַכט און איז אָנגעקומען אין דער אַרמיי פון די דרומלייט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי זיינען די אמתע קעמפער פאַר פרייהייט, ווייל זיי פאָדערן פאַר יעדער שטאַט זעלבשטענדיקייט.

גלייך ווי ער איז אַריין אין אַרמיי האָט ער שוין דערזען, וואָס דאָס הייסט זיין אַ סאָלדאַט. ווי באַלד זיי האָבן אָנגעטאָן די מונדירן, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די איידלקייט און בכלל די מענטשלאַכקייט. אַלע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין גראָבע יונגים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פאַר זיי איז אַלץ ערלויבט. זיי מעגן זיך זידלען, ליגן זאָגן, הרגענען, ראַבעווען.

— „איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, זאָגט סטענלי — אַז מיט וואָס פאַר אַ מאַנטל זיי זאָלן זייערע מעשים תעתועים ניט צודעקן, וועט מען זיי דאָך מוזן פאַרמשפּטן“.

סטענלי האָט גענומען אַן אָנטייל אין אַ סך שלאַכטן און האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די אַלע גרוילן פון דער מלחמה. ער האָט געזען די חורבונות, וואָס די שרעקלאַכע שלאַכטן פלעגן אָנמאַכן, קופּעס דערהרגעטע, וושעס בלוט...

„איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, שרייבט ער — די ברייט פונאַנדערגעעפנטע אויגן פון די הרוגים... וואָס ווייטער איך בין געגאַנגען איבער די פעלדער, וואָס זיינען געווען פאַרוואָרפן מיט טויטע קערפּערס, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אין מיר פונאַנדערגעבערענט דער האַס צו דער מלחמה, וואָס פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַ ווילדע, בייזע, בלוטדורשטיקע חיה“.

איינמאָל נאָך אַ שלאַכט האָבן אים די צפונלייט געפאַנגען און ער האָט דערווייל אויך פאַרזוכט דעם טעם פון געפאַנגענלעבן.

„מ'האָט אונז, אַ גרופּע קריגסגעפאַנגענע, אַריינגעזעצט אין אַ שיף, און אָפּגעשיקט אין סאַן-לואי. אָנקוקן אונז איז געווען שרעקלאַך. אַ באַנדע שמוציקע בעטלער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע, צעמזיקטע. איינער מיטן אַנדערן האָט אפילו קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. יעדערער איז געווען פאַרזונקען אין זיינע אייגענע טרויעריקע געדאַנקען.

אין סאַן לואי האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין אַ תפיסה. די צאָל פון די געפאַנגענע איז געוואַקסן און דאָס לעבן איז געוואָרן אַלץ ערגער. די שמוץ, די אומפלייט, די שרעקלאַכע לופט און די קראַנקייטן האָבן אונז אַלעמען שיר פון זינען ניט אַראָפּגעבראַכט. מיר האָבן זיך געפילט אין דעם שטייג ווי לעבעדיק באַגראָבענע. אַ סך האָבן אויף זיך געבעטן דעם טויט. און זיי פלעגן טאַקע אויסשטאַרבן מאַסנווייז. אַלע טאָג פלעגן קומען עטלאַכע וואָגנס און מע פלעגט אויף זיי אַרויפשליידערן די טויטע אַקוראַט ווי האָלץ...“ עטלאַכע וואָכן האָט אַזוי סטענלי געליטן און געטראַכט אַלץ ווי צו באַפרייען זיך. איינמאָל האָט אים דער אויפזעער פון תפיסה פאַרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי פון די צפונלייט. סטענלי מיט נאָך עטלאַכע חברים האָבן איינגעשטימט און אַזוי אַרום איז ער באַפרייט געוואָרן פון דעם שרעקלאַכן גהינום פון גע-

פאנגענלאגער. פאר די העלדישע מעשים, וואָס ער האָט ארויסגעוויזן אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט ער זיך דערדינט צום ראנג פון אָפּיציר.

אז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז סטענלי אָפּגעפאָרן אהיים כדי צו זען זיך מיט דער מוטער. פארבלייבן אָבער אויף אן אָרט האָט סטענלי ניט געקאָנט. ער איז ווידער געקומען קיין אמעריקע — און האָט באקומען א שטע־לע אין פלאָט.

באלד נאָכדעם איז ער געוואָרן א קאָרעספּאָנדענט פון א צייטונג. די ליידנשאפט צו רייזעס האָט אים געטריבן פון איין אָרט אויפן צווייטן. ער האָט זיך געקראָגן א חבר, וואָס האָט אויך געהאט אזא לוסט צו רייזעס, און איז צוזאמען מיט אים אוועקגעפאָרן אין קליין־אזיע. דאָ, ניט ווייט פון דער שטאט סמירנע, איז אויף זיי אָנגעפאלן א באנדע גזלנים און האבן ביי זיי צוגענומען אלץ, וואָס זיי האָבן געהאט. סטענלי האָט אָנגעשריבן וועגן דער געשיכטע אן ארטיקל אין צייטונג. דער ארטיקל איז געוועזן אזוי שארף און אזוי לעבעדיק, אז די טערקישע רעגירונג האָט זיך גענומען צו דער זאך און געפונען די גזלנים. נאָך דעם פאל האָט סטענלי גענומען וואָס ווייטער אָלץ אָפטער צו שרייבן אין די בלעטער און זיינע ארטיקלען האָבן ביי אלע־מען זייער אויסגענומען.

אין א קורצע צייט ארום איז סטענלי ווידער אוועקגעפאָרן קיין אמערי־קע. די בעסטע אמעריקאנישע צייטונג „ניו־יאָרקער העראָלד" האָט אים בא־שטימט פאר אירן א קאָרעספּאָנדענט. א קאָרעספּאָנדענט פון א גרויסער אמע־ריקאנישער צייטונג דארף זיין א דרייסטער, א פלינקער, א קלוגער און א קע־נער. די ארויסגעבער צאָלן גוטע געהאלט. די ארבעט איז אבער זייער א שווערע. די צייטונגען שיקן ארויס זייערע קאָרעספּאָנדענטן איבער דער גאנ־צער וועלט. מאכט זיך וואו א מלחמה, מוז דער קאָרעספּאָנדענט שוין גלייך זיין דאָרטן, אָפטמאָל אפילו אין דער צייט פון שלאכט, אָפטמאָל ריזיקירן מיטן לעבן. ער מוז זיך דערוויסן אלע נייס און גלייך געבן צו וויסן דער צייטונג.

אין יענער צייט האָבן די ענגלענדער געפירט א מלחמה מיטן קייסער פון אביסיניע. די צייטונג האָט ארויסגעשיקט סטענלין אויפן פראָנט פאר א קאָרעספּאָנדענט.

בארג־ארויף און בארג־אראָפּ רוקט זיך די ענגלישע ארמיי דורך אבי־סיניע. סטענלי גייט איר אומעטום נאָך. ער באוויייזט צו זיין אומעטום, וואו ס'איז נאָר אינטערעסאנט. ער דערעסט ניט און דערטרינקט ניט. אָבער ער דערגייט אלץ, וואָס מע דארף. קיין קאָרעספּאָנדענט האָט ניט צוגעשטעלט אין זיין צייטונג אזוינע פרישע, אינטערעסאנטע ידיעות וועגן דער מלחמה, ווי סטענלי.

אין א קורצער צייט ארום נאָכן צוריקקער פון אביסיניע איז אים גאָר אומגעריכטערהייט אויסגעקומען צו מאכן גאָר א גרויסע רייזע דורך אפריקע. די דאָזיקע רייזע האָט דאָס אים געמאכט דעם שם איבער דער גאנצער וועלט·



העניר סטענלי.

דער טייל וועלט, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַפ־ריקע, איז ביז מיט אַ יאָר 50 צוריק געוועזן זייער ווייניק באַקאַנט די אייראָפּעער.

די אייראָפּעער פלעגן באַזוכן נאָר די ב ר ע ג ע ס פון אַפריקע, אָבער וואָס עס טוט זיך טיף אין לאַנד האָט קיינער ניט געוואוסט.

די אַראַבישע סוחרים, וואָס פלעגן זיך אַוועקלאָזן אַהין מיט סחורה, פלעגן עפּעס יע דערציילן, אַז טיפער אין דעם לאַנד וואוינען די שוואַרצע נעגערס, אַז די שוואַרצע טיילן זיך אויף אַ סך באַזונדערע שבטים, וואָס ריידן אויף פאַרשיידענע לשונות און ווערן אָנגעפירט דורך באַזונדערע מושלים. די אַלע ידיעות זיינען אָבער געווען אַזוי ניט גענוי און אומקלאָר, אַז אויף די קאַרטעס, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט אַ יאָר 40 צוריק, איז דער גאַנצער מיטלסטער טייל פון אַפריקע באַצייכנט מיט איין ווייסן פלעק און קיי־נע פונקטן זיינען דאָרט ניט אָנגעוויזן.

אַזוי איז באַשטאַנען די זאַך, ביז וואַנען סטענלי האָט געמאַכט זיין באַ־וואוסטע רייזע איבער מיטל אַפריקע.

דער ציל פון דער דאָזיקער רייזע איז געוועזן—אויפזוכן דעם פאַרפאַלן געוואָרענעם ענגלישן מיסיאָנער ד ו ד ל י וו י נ ג ס ט אָ ן.

אין יאָר 1886 איז דוד ליווינגסטאָן אַוועקגעפאָרן קיין אַפריקע, כּדי צו פאַרשפּרייטן דאָרט צווישן די ווילדע די קריסטלאַכע לערע. ליווינגסטאָן איז דורכגעפאָרן כּמעט גאַנץ אַפריקע און האָט געמאַכט אַ סך וויכטיקע אַנטדעקונ־גען. די דאָזיקע אַנטדעקונגען האָבן אים געמאַכט אַ שם אין דער גאַנצער וועלט.

די ערשטע צייט האָט מען געהאַט פון ליווינגסטאָנען אָפטע גערוסן, נאָר מיטאַמאָל איז ער פאַרפאַלן געוואָרן און אין משך פון גאַנצע פינף יאָר האָט מען אין אייראָפּע ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען.

נאָר אָט האָבן די אַראַבישע סוחרים געבראַכט אַ ידיעה, אַז ליווינגסטאָן געפינט זיך ביי די שוואַרצע אין געפאַנגענשאַפט. קיינער האָט זיי אָבער ניט געוואָלט גלויבן, ווייל ליווינגסטאָנס באַגלייטער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט קיין זאַנזיבאַר, האָבן דערציילט, אַז די ווילדע האָבן אים דערהרגעט. נאָר איין מענטש האָט זיך געפונען, וואָס האָט יע אָנגענומען די ידיעה פון די אַראַבישע סוחרים פאַר ריכטיק און האָט זיך מיט איר זייער דערפרייט.

דאָס איז געווען דער אַרויסגעבער פון אַן אַמעריקאַנער צייטונג מיסטער בענעט. בענעט האָט אַרויסגעזאָגט אַ סברה, אַז די שוואַרצע באַגלייטער האָבן משמעות ליווינגסטאָנען אַוועקגעוואָרפן אין וועג און נאָכהער אויסגעטראַכט ד' מעשה וועגן זיין טויט.

בענעט איז געווען זייער אַ רייכער מאַן, האָט ער באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל אים ניט קאָסטן, מוז ער אויפזוכן ליווינגסטאָנען אָדער, לכל הפחות, געפינען ריכטיקע באַווייזן פון זיין טויט. וואו נעמט מען אָבער דעם פּאַסיקן מענטשן, וועמען מ'זאָל קענען אָנטרויען אַזאַ וויכטיקע אַרבעט?

איינמאָל, גאָר צופעליק, האָט זיך בענעט דערמאָנט אָן דעם קאָרעספּאָנ־ דענט פון זיין צייטונג העגרי סטענלי. יענער האָט זיך דאַן געפונען אין מאַד־ ריד. בענעט איז דאַן געווען אין פּאַריז. ער האָט גלייך טעלעגראַפירט סטענ לין. אין עטלאַכע טעג אַרום איז סטענלי געקומען קיין פּאַריז.

בענעט האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער נעמט אויף זיך אַלע הוצאות פון דער נסיעה קיין אַפריקע צו געפינען ליווינגסטאָנען און אַז דאָס ווערט איבערגעגעבן אים, סטענלין.

ניט געמאַכט קיין לאַנגע הכנות, איז סטענלי באַלד אַרויסגעפאָרן קיין אַפריקע. אין וועג האָט ער זיך אָפּגעזוכט אַ געהילף, מיט וועלכן ער איז נאָך אַ שווערער נסיעה איבערן אָקעאַן אָנגעקומען אין דער שטאָט זאַנזיבאַר, וואָס געפינט זיך אויף אַ אינזל ניט ווייט פון קאָנטינענט.

דאָ האָט ער זיך אָנגעהויבן צו גרייטן אין ווייטן וועג אַריין.

קודם כל האָט ער זיך געמוזט באַזאָרגן מיט זיכערע באַגלייטער, וואָס זאָלן אים ווייזן דעם וועג. ווייטער האָט ער געדאַרפט אָנגרייטן פּראָוויאַנט און פאַרשיידענע חפצים, מתנות פאַר די שוואַרצע.

אין יענע קאַנטן, וואוהין סטענלי האָט זיך געקליבן פאָרן, האָט מען נאָד דאַן פון קיין געלט ניט געוואוסט. פאַר עסנוואַרג האָט מען געדאַרפט צאָלן ד ווילדע איינוואוינער מיט פּאַטשערקעס, שטיקלאַך שטאָף און פאַרשיידענע מע־ טאַלענע חפצים. דערהויפּט איז געווען אָנ־ייימען ביי די ווילדע מעשענע דראָט. דאָס איז געווען ביי זיי איינע פון די טייערסטע זאַכן, ווייל פון דעם פלעגן יי זיך מאַכן רינגען און אָנטאָן זיי אויף די הענט, אויף די פיס, אויף ד' ואויערן, דורכלאָזן ד'רך דעם נאָז און דורך די ליפּן.

דעם גאַנצן באַגאַזש האָט סטענלי פאַרלאָדן אויף 22 אייזלען. כדי צו אָרהיטן זיך פון גזלנים האָט ער געדונגען אַ וואַך פון 24 מאַן.

סטענלי האָט געזען וואָס מער צו דערגיין ביי די אַראַבישע סוחרים וועגן די ווייטע אומבאַקאַנטע לענדער. ער האָט זיי לאַנג פונאַנדערגעפרעגט וועגן דעם לעבן און וועגן די מנהגים פון די ווילדע און דאָס אַלץ איז אים שפּע־טער זייער צו ניץ געקומען. אגב האָט ער זיך דערוואוסט פון זיי, אַז יעדערע 3—4 דערפלאַך האָבן אַ באַזונדערן הערשער, וואָס לאָזט ניט דורך קיין רייזנדער אָן צינזן, ד. ה. אָן אַ שטיקל דראָט אָדער עטלאַכע פּאַטשערקעס.

אין אַ חודש ארום איז אַלץ פּאַרטיק געוואָרן און סטענלי האָט אַריבער־געפירט זיין גאַנצן קאַראַוואַן.

דעם 21 מערץ פון יאָר 1871 איז סטענליס עקספּעדיציע אוועק פון דער שטאָט באגאמאָיא אין דער טיף פון אפריקע. סטענלי האָט לכתחילה געלייגט זייער וויניק האָפענינג אויף דעם, אז אים זאָל זיך איינגעבן צו געפינען לי־ווינגסטאָנען. ער האָט אָבער באשלאָסן צו טאָן אלץ, וואָס ס'איז נאָר מיגלאך, ניט קוקן איף קיינע מניעות און סכנות.

א גרויסער המון מענטשן, שווארצע און ווייסע, זיינען אים ארויס באַ־גלייטן. אלע האָבן אים געוואונטשן ערפאָלג און גליק. ס'איז געווען א זעלטן שיינער טאָג. די הויכע ביימער האָבן אויך גענייגט צו די דרייסטע רייזנדער מיט די גרינע צווייגן, אזוי ווי זיי וואָלטן זיי אויך צוגעוואונטשן א גליקלאכע רייזע.

די ערשטע טעג פון דער רייזע זיינען אַריבער רואיק.

„דער פורמאַן האָט זיך נאָר דריי מאָל איבערגעקערט מיטן וואָגן—דער־ציילט סטענלי — דער אייזל, אויף וועלכן ס'זיינען געלעגן מיינע זאַכן, האָט זיך נאָר איין מאָל צוגעלייגט אָפּרוען אין אַ בלאָטיקער לוזשע... ווער האָט אָבער נעקוקט אויף די קליינע געשעענישן?...‟

וואָס ווייטער איז דער וועג געוואָרן אַלץ שווערער.

סטענלי איז ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן און מיט זיין אַרבעט און ענער־גיע האָט ער כסדר געהויבן דעם מוט פון זיינע חברים. סטענלי האָט ניט גערוט קיין מינוט. אַז דער קאַראַוואַן פלעגט זיך אָפּשטעלן רוען, פלעגט ער אַליין אַוועקגיין אויף יאַגד. איינמאָל האָט ער באַמערקט פרישע שפורן פון אַ אַנטילאָפּע. ער איז אַוועק נאָך די שפורן און האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט. ער איז פאַרקראָכן אין אַ געדיכטן רוישט פון שטעכעדיקע קוסטעס און האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. זיינע בגדים האָבן זיך צעריסן. מיט די לעצטע כוחות האָט ער גענומען פויזען אויף אַלע פיר. די לופט איז געוועזן זייער פאַרשטיקט. דער שווייס האָט פון אים געגאָסן. ער האָט געמיינט, אַז ער בלייבט שוין אויף אַן אָרט. קוים מיטן לעבן האָט ער זיך אַ פאַרמאַטערטער, אַ הונגעריקער גע־בראַכט צושלעפּן צום קאַראַוואַן.

פאַר דער צייט האָבן זיך שוין די באַגלייטער געהאַט אָפּגערוט. ער האָט לאַנג ניט געוואַרט און געהייסן פאָרן ווייטער.

אין עטלאַכע טעג אַרום האָט אים אַ טרעגער באַגנבעט און איז אַנטלאָפן געוואָרן. נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן קראַנקהייטן. עטלאַכע באַגלייטער האָט געכאַפּט די אַפריקאַנישע קדחת.

סטענלי האָט זיך גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ דאָקטאָר. ער האָט אַרויסגע־נומען די רפואות און אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַרום די קראַנקע. מיט אַ זעלטע־נעם געדולד האָט ער גאַנצע טעג און נעכט פאַרבראַכט לעבן זיי. אַז זיי האָבן זיך אַ ביסל פאַרבעסערט אין געזונט, איז דער קאַראַוואַן אַוועק ווייטער.

דער וועג איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. אין אַ סך ערטער פלעגט אויסקומען אויף יעדן טריט זיך אָפּצושטעלן און מיט העק דורכהאַקן זיך אַ וועג דורך די געדיכטע שטעכעדיקע קוסטעס. אַזוינע קוסטעס האָבן זיך ערטערווייז געצויגן אויף צענדליקער וויאָרסטן.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון די רעגנס. דאָס גאַנצע לאַנד, וואו די רייזנדער האָבן זיך געפונען, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זומפּיקער בלאָטע. די טייכן און די טייכלאַך האָבן זיך געיאָגט מיט אַ ווילדן שטראָם און פאַרשטעלט דעם וועג. ס׳איז אויסגעקומען צו מאַכן בריקן, אָפטמאָל צו 3, 4 אַ מעת־לעת. מ׳האָט געמוזט שלעפּן די משא אויף די פּלייצעס, גיין ביזן גאַרטל אין בלאָטע. גרויסע צרות האָבן די רייזנדער געהאַט אויך פון די פליגן און פון די מוראַשקעס. סטענלי דערציילט, אַז ווען מע דערמאָנט זיך אָן זיי, קען מען משוגע ווערן. זיי פלעגן צעבייסן אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר געווען: די אַכן, די ביידלאַך, דאָס עסנוואַרג.

די באַלעבאַטים פון די דערפלאַך האָבן גענומען שטעלן גרויסע שוועריקייטן. פאַר דער ערלויבעניש דורכצופאָרן האָבן זיי גענומען פאָדערן אַ סך מתנות. אַריינגיין מיט זיי אין סטירדעס איז געווען געפערלאַך. זיי האָבן גע־קאָנט אָנפאַלן אויפן קאַראַוואַן און ניט פאַרקויפן די רייזנדער קיין עסנוואַרג כּדי אויסצומיידן סיכסוכים, פלעגט שוין סטענלי אַליין אַרויסגיין זיי אנטקעגן און געבן זיי מתנות. עס פלעגן זיך אָבער אויך טרעפן אזוינע הלעיטנעס, וואָס אלץ איז פאר זיי געווען ווייניק. איינע א קייסערינע האָט באקומען פון סטענלין זייער א פיינע מתנה. זי האָט אָבער שפּעטער חרטה געהאט און צוגעשיקט צו אים שלוחים בעטן נאָכאמאָל אזויפיל. סטענלי איז אין כּעס געוואָרן און האָט איר גאָרנישט ניט געגעבן. דאן האָט זיך די קייסערינע אָפּ־געדעכנט מיט אים אויף אזא מין אופן: זי האָט געהייסן אירע מענטשן פאַר־האלטן עטלאכע אָפּגעשטאנענע טרעגער פון סטענגליס קאראוואן, צונעמען ביי זיי דעם באגאזש און צובינדן זיי מיט א קייט. א גליק איז געשען, וואָס אן אַראַבישער סוחר איז דורכגעפאָרן דורך דעם דערפל, וואו די געשמידטע האָבן זיך געפונען. דער סוחר האָט געהערט פון סטענלין, אז די שווארצע האָבן אים דערציילט ווער זיי זיינען, איז ער אוועק צו דער קייסערינע און האָט זי אָנ־געשראָקן, אז סטענלי האָט א סך ביקסן און פולווער און קען אויפרייסן דעם גאנצן דאָרף. זי האָט זיך דערשראָקן און האָט זיי פריי געלאָזן.

נאָך צוויי חדשים פון דער שווערער רייזע האָט סטענלי געהאַט אַ מזלדיקן טאָג. ער האָט זיך באַגעגנט מיטן קאַראַוואַן פון אַן אַראַבישן סוחר בען ראשין. בען ראשין האָט דערציילט סטענלין, אַז ער האָט געזען ליווינגסטאָנען מיט עטלאַכע חדשים צוריק אין אַ דערפל ביי די ווילדע. דאָס דערפל געפינט זיך אין דעם לאַנד אודזשידזשי. מ'קען זיך פאָרשטעלן, ווי סטענלי האָט זיך דערפרייט מיט דער דאָזיקער בשורה.

ליווינגסטאָן לעבט!—האָט זיך סטענלי געפרייט—איך מוז אים געפינען!

אַ גאַנצע איבערקערעניש איז געוואָרן מיט איינמאָל. נעכטן האָט ער נאָך געבלאָנדזשעט אין דער פינסטער אין היינט ווייס ער שוין, וואוהין צו גיין אמת, דאָס לאנד געפינט זיך זייער ווייט, צוקומען אַהין איז זייער שווער, אָבער דאָרט וועט ער דאָך טרעפן ליווינגסטאָנען. ער וועט דערגרייכן דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט.

די פריילאַכע בשורה האָט אים צוגעגעבן פרישן מוט און אויך שטאַרקער געמאַכט דעם חשק פון זיינע פוילע באַגלייטער צו גיין ווייטער. דער וועג איז געווען ניט קיין לייכטער. דעם קאַראַוואַן איז אויסגעקומען דורכצוגיין אַזוינע פאַרשיידענע ווילדע ערטער, וואָס קיין מענטשלאַכע פוס איז נאָך דאָרט קיינמאָל ניט געווען. פריער האָבן זיך געצויגן לאָנקעס. די הייך פון זייערע גראָזן פלעגט דערגיין ביז צוויי קלאַפטער. נאָכדעם זיינען געגאַנגען בערג. נאָך די בערג האָבן זיך אָנגעהויבן ציען אַפריקאַנער וועלדער. סטענלי האָט די גאַנצע צייט געפירט א נאָטיץ־בוך און באשריבן דאָס לאנד, דורך וועלכן ער איז דורכגעפאָרן. אויך האָט ער באשריבן דאס לעבן פון די ווילדע, מיט וועלכע ער איז אין משך פון זיין רייזע גוט באַקאַנט געוואָרן.

די ווילדע וואוינען אין קליינע הייזלאַך. די ווענט פון די הייזלאַך באַשטייען פון דינע שטעקלאַך, וואָס זיינען באַשמירט מיט ליים. די דעכער זיינען אויך דאָס רוב ליימענע. אין די הייזלאַך איז זייער שמוציק. שלאָפן שלאָפן זיי אויף דער ערד און נאָר אייניקע בעטן זיך אונטער א פעל.

זזיער געווער באשטייט פון פייל און בויגן. די שפיצן פון די פיילן באַשמירן זיי מיט גיפט. פאַר געווער דינט אויך א האק און א פיקע. די ווילדע קענען זיך זייער גוט באגיין מיט זייער געווער און הייבן דרייסט אָן דעם געראַנגל מיט די גרעסטע און שטאַרקסטע חיות, ווי א לייב, א העלפאנד א. ד ג. כמעט אַלע ווילדע זיינען געצנדינער.

אַז אַ ווילדער וויל חתונה האָבן, קויפט ער זיך א ווייב פאר א פאָר ציגן. יעדער ווילדער האָט אַזויפיל ווייבער, וויפיל ער איז בכוח צו קויפן.

ווער עס הרגט אַ מענטשן, מוז באַצאָלן די קרובים פון דעם הרוג 50 קי. אויב אָבער דער גזלן איז אָרים, הרגעט מען אים אויף אן אָרט.

אַז מען כאפט א גנב פאר דער האנט, מאכט מען אים א טויט אויף אן אָרט.

די ווילדע האָבן זיך זייער ליב צו פוצן.

די פרויען זייערע שטעכן זיך דורך די ליפן, די אויערן, די נאָז און טשעפען אָן אויף זיך רינגען פון מעשענע דראָט. ביי אַ סך שבטים איז פאַרשפרייט דער מנהג פון טאַטואירן זיך. דער מנהג באַשטייט אין דעם, וואָס מע מאָלט אויס אויף די לייבער פאַרשיידענע געמעלן. דאָס ווערט געמאַכט אויף אַזאַ מין אופן: פריער שטעכן זיי אָדער שניידן אויס דאָס געמעל אויפן הויט, דערנאָך באַגיסן זיי די וואונדן מיט פאַרשיידענע פאַרבן. אַז דער ווייטאָג גייט אַריבער און די וואונדן פאַרהיילן זיך, בלייבן איבער די געמעלן אויפן לייב און מע קען זיי שוין ניט אַראָפּנעמען.

סטענלי האָט אויך אויסגעפאָרשט די פלאַנצונגען און בעלי=חיים פון אַפריקע און האָט געמאַכט אַ סך אַנטדעקונגען, געפונען אומבאַקאַנטעביימער און גראָזן

אין 3 חדשים אַרום נאָכן אַרויספאָרן פון באַגאַמאָיאָ איז סטענלי געקומען אין דעם לאַנד א ו נ י אַ נ ע מ ב ע, וואו ס׳געפינען זיך אַ סך אַראַבישע ישובים, די דאָרטיקע אַראַבער זיינען ס׳רוב זייער רייך, זיי האָבן גרויסע פעלדער,

האַנדלען מיט העלפאַנדביין און לעבן ווי פּריצים. די ווילדע בייטן ביי זיי אויס רויע פּראָדוקטן: פעל, פּירות, העלפאַנדביין, אויף פאַרשיידענע געוועבן, געווערן, אייזן. אין יענער צייט האָבן נאָך די אַראַבער אויך געהאַנדלט מיט שוואַרצע קנעכט.

די אַראַבער האָבן באַגעגנט סטענליס אָפּטיילונג מיט גרויס כבוד. דער גובערנאַטאָר האָט אָפּגעגעבן סטענלין אַ גרויס הויז. די סוחרים האָבן אים געבראַכט מתנות און געמאַכט לכבוד אים אַ באַל.

דאָ האָט סטענלי אויך געטראָפן אַ קאַראַוואַן, וואָס די ענגלענדער האָבן געשיקט ליווינגסטאָנען צו הילף. דער קאַראַוואַן האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט, ווייל דער וועג קיין אודזשידזשי איז געווען פאַרשפּאַרט צוליב דער מלחמה. איינער אַ שוואַרצער מושל מיטן נאָמען מיראַמבאָ האָט מלחמה געהאַלטן מיט די אַראַבער. ער האָט געפּלאַנט צו בילדן אַ שטאַרקע מלוכה פון שוואַרצע צווישן די לענדער אוניאַניעמבע און אודזשידזשי, און געוואָלט פאַרטרייבן פון דאָרט די אַראַבער. סטענלי האָט ניט געוואָלט וואַרטן און האָט באַשלאָסן צו גיין נאָך די אַראַבישע חיילות. איינמאָל איז ער שיר ניט אומגעקומען אין וועג. די שוואַרצע זיינען פּלוצלונג אָנגעפאַלן אויף די אַראַבער, האָבן פאַרברענט זייער לאַגער און אויסגעהרגעט כמעט די גאַנצע אָפּטיילונג. סטענליס באַגלייטער זיינען זיך צעלאָפן און האָבן אים אַ קראַנקן איבערגעלאָזן אויף הפקר. געראַטעוועט האָט אים זיין באַדינער, אַ קליין יינגל, וואָס האָט אים אַרויפגעזעצט אויף אַן אייזל און אָפּגעפירט אין שטאָט.

דריי חדשים נאָכדעם איז ער געלעגן קראַנק. ווי נאָר אָבער ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, האָט ער זיך ווידער גענומען קלייבן אין וועג אַריין.

אַזוי ווי דער גלייכער וועג איז געווען פאַרשפּאַרט, האָט סטענלי באַשלאָסן דורכצורייסן זיך דורך די געדיכטע וועלדער. דער דאָזיקער וועג איז געווען אַזוי געפערלאַך, אַז קיינער פלעגט גאָרניט טראַכטן וועגן אים. די באַגלייטער האָבן זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט און נאַר מיט רייכע מתנות האָט זיך אים קוים מיט צרות אַיינגעגעבן אַיינצורעדן אַ מאַן פּופּציק.

דעם 20־טן סעפּטעמבער איז ער אַרויסגעפאָרן פון שטאָט און האָט זיך אַזוי געטראַכט: אָדער איך וועל געפינען ליווינגסטאָנען אָדער איך וועל אומקומען אין די ווילדע וועלדער פון טיפן אַפריקע.

נאָך עטלאַכע טעג רייזע איבער די געדיכטע וועלדער, האָט זיך דער קאַראַוואַן אָפּגעשטעלט לעבן אַ טייכל. סטענלי איז געווען פאַרברענט פון היץ און זייער אויסגעמאַטערט.

— דאָס קילע שטילע וואַסער—דערציילט סטענלי, האָט אַזוי געצויגן צו זיך, אַז איך האָב שטאַרק חשק געקראָגן זיך אויסצובאָדן. איך האָב זיך אויסגעטאָן, האָב אַראָפּגעלאָזן די פיס אין וואַסער און געוואָלט מאַכן אַ נורקע. פּלוצלונג דערזע איך לעבן זיך אַ לאַנגן לעבעדיקן קערפּער. דאָס איז געווען אַ קראָקאָדיל... איך האָב אַ שפּרונג געטאָן אויף אַהינטער און האָב זיך געראַטעוועט...

דער וועג איז געוואָרן אַלץ שווערער. די טרעגער און די זעלנער פלעגן זיך אָפט אָפּזאָגן צו גיין אָן לאַנגע הפסקות. איינמאָל האָבן זיי זיך גאָר צע־בונטעוועט. סטענלי האָט זיך קוים איינגעגעבן זיי צו באַרויקן. גייענדיק מיטן וואַלד, האָבן די רייזנדער געטראָפן אַ דורכגאַנג, וואָס העלפאַנדן האָבן זיך דורך אים דורכגעשלאָגן.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די געגנט פון די גרויסע חיות.

וואָס ווייטער איז דער וועג געוואָרן אַלץ געפערלאַכער, און די רייזנ־דער פלעגט אויסקומען צו גיין מיט אויסגעשטעלטע אָנגעלאָדענע ביקסן.

אין 40 טעג אַרום נאָך דער שווערער רייזע איבערן וואַלד האָט סטענ־לי באַגעגנט אַן אַראַבישן קאַראַוואַן, וואָס איז געגאַנגען פון אודזשידזשי. די אַראַבער האָבן אים דערציילט, אַז דאָרטן געפינט זיך אַ ווייסער מענטש. סטענ־לי האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער בשורה און גענומען מיט גרויס ניי־געריקייט פונאַנדערפרעגן, ווי דער ווייסער זעט אויס.

לויט די אַלע באַשרייבונגען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער ווייסער איז ליווינגסטאָן.

סטענלי האָט צוגעזאָגט זיינע באַגלייטער הרים־וגבעות נאָר זיי זאָלן זיך רירן גיכער.

נאָך אַ סך מי און צרות איז סטענלי סוף־כל־סוף פאָרט געקומען אין דעם לאַנד אודזשידזשי און געפונען ליווינגסטאָנען.

די פרייד פון ליווינגסטאָנען ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט די ווייסע איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן.

עטלאַכע יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געווען אָפּגעריסן פון דער וועלט און האָט שוין גאָרניט גערעכנט צו טרעפן וועמען עס איז פון די ווייסע.

מיט גרויס נייגעריקייט האָט ער גענומען פונאַנדערפרעגן, וואָס עס האָט זיך געטראָפן פאַר די 5 יאָר אויף דער ווייסער וועלט. סטענלי האָט אים אַלץ דערציילט און איבערגעגעבן אים די בריוו פון די פריינד. ליווינגסטאָן האָט געלייענט און געוויינט ווי אַ קליין קינד.

אַז ער האָט זיך באַרואיקט, האָט ליווינגסטאָן גענומען דערציילן וועגן זיין לעבן און זיין רייזע. אַ סך צרות איז אים אויסגעפאַלן איבערצוטראָגן, זייער פיל שווערע טעג האָט ער איבערגעלעבט. הונדערטער וויאָרסטן איז אים אויסגעקומען מיט זיינע 30 באַגלייטער דורכצושלאָגן זיך דורך געדיכטע וועל־דער. אייניקע באַגלייטער האָבן אים באַגנבעט, אייניקע האָבן מיט אַ כיוון דער־הרגעט די בהמות, וואָס האָבן געשלעפּט די משאות, כדי צו צווינגען אים, ער זאָל זיך אומקערן. ליווינגסטאָן האָט איבערגעלאָזן ביי זיך נאָר עטלאַכע גע־טרייע דינער און די איבעריקע צוטריבן.

די לאַגע פון דער קליינער אָפּטיילונג איז געווען זייער אַ שווערע. פאַר־וואָרפן אין די ווילדע וועלדער זיינען זיי שיר ניט אויסגעגאַנגען מיט הונגער.

ליווינגסטאָן איז געגאַנגען אַלץ פאָראויס, ביז וואַנען ער איז געקומען קיין אודזשידזשי. פאַר דער צייט האָט ער געמאַכט אַ סך וויכטיקע אַנטדעקונגען.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפטועז זיינע פאַר דער וויסנשאַפט איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אויסגעפאָרשט, פונוואַנען עס פליסט דער טייך נילוס. ליווינגסטאָן האָט אויסגעפאָרשט די אומבאַקאַנטע לענדער, באַשריבן די דאָרטיקע ווילדע מענטשן, חיות און פלאַנצונגען.

איצט איז ליווינגסטאָנס לאַגע געווען זייער אַ קריטישע: ווען סטענלי קומט ניט, וואָלט ער אומגעקומען פון הונגער. די גאַנצע סחורה איז שוין ביי אים אויסגעגאַנגען און אָן געצאָלט האָבן אים די ווילדע ניט געוואָלט געבן קיין עסנוואַרג.

אַ חודש צייט האָבןביידע רייזנדער געלעבט צוזאַמען און זיך זייער באַפריינדט. אָפּגערוט זיך, האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע איבער דער אָזערע טאַנגאַנאַיקע, כדי צו דערגיין, צו דער טייך רוויזי פאַלט אַריין אין דער דאָזיקער אָזערע אָדער פליסט אַרויס פון דאָרטן. זיי האָבן געמאַכט אַ שיפל, גענומען מיט זיך 30 מענטשן און זיינען אָפּגעפאָרן. דאָס שיפל איז געפאָרן פאַזע די ברעגעס, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט שיינע וועלדער. אויף די הויכע פעלזן האָבן זיך געזען די דערפלאַך פון די ווילדע. פון צייט צו צייט פלעגן די רייזנדער אַרויסגיין אויפן ברעג אויף יאַגד אָדער אויף אָפּרו.

אין משך פון דער רייזע האָבן זיי אַנטדעקט אויף דער גרויסער אָזערע עטלאַכע אינזלען. זיי האָבן דערגרייכט די טייך רוויזי און זיינען דערגאַנגען, אַז די טייך פאַלט אַריין אין דער אָזערע.

די דאָזיקע רייזע האָט ביי זיי געדויערט 28 טעג. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען זיי ביידע אָפּגעפאָרן אין דעם לאַנד אוניאַניעמבע, וואו ס׳האָבן געוואוינט די אַראַבער, ביי וועלכע סטענלי האָט זיך פריער אָפּגעשטעלט. דאָ האָט געוואַרט אויף ליווינגסטאָנען אַ גרויסער באַגאַזש. די סחורה, וואָס ליווינגסטאָן האָט איצט געהאַט, האָט אים געקאָנט קלעקן אויף אַ פּאָר יאָר און ער האָט ווידער געהאַט די מיגלאַכקייט צו פאַרענדיקן די אויספאָרשונג פון דעם טייך נילוס. סטענלי האָט אים געהאָלפן אויסקלייבן זיך אין וועג און אַליין איז ער אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע.

אַז סטענלי איז געקומען קיין אייראָפּע און האָט איבערגעגעבן ליווינגסטאָנס בריוו, האָבן אַלע זיך איבערגעצייגט, אַז ער האָט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך. די געלערנטע פון דער גאַנצער וועלט האָבן אים באַגריסט, די געזעלשאַפטן פאַר וויסנשאַפט האָבן אים געשאָנקען מתנות און לויב־בלעטער.

נאָך דער ערשטער רייזע איבער אַפריקע האָט סטענלי אָנגעשריבן צוויי ביכער: 1) ווי אַזוי איך האָב געפונען ליווינגסטאָנען, 2) דאָס לעבן און דאָס רייזע פון דוד ליווינגסטאָן. די דאָזיקע ביכער האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביים ברייטן עולם און האָבן זיך שטאַרק פאַרשפרייט.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון אַפריקע—אַז ליווינגסטאָן איז דאָרט פלוצלונג געשטאָרבן.

סטענלי באַקומט דאַן גרויס חשק צו פאַרענדיקן ליווינגסטאָנס אַרבעט, און באַשליסט צו מאַכן אַ צווייטע רייזע אַריבער אַפריקע. סטענלי איז געווען פון די מענטשן, וואָס קווענקלען זיך ניט לאַנג איבער אַ פּלאַן. ביי אים איז געווען—געזאָגט און געטאָן. קריגן מיטלען איז פאַר אים איצט שוין געווען ניט שווער. דערזעלביקער בענעט האָט זיך אָנגענומען צו דעקן אַלע הוצאות.

אין סעפּטעמבער פון יאָר 1874 זעען מיר שוין סטענלין ווידער אין זאַנזיבאַר. ער קלייבט צונויף ביי אַ 400 זעלנער, מאַכט אַלע הכנות צו אַ ווייטער רייזע. אין נאָוועמבער לאָזט זיך שוין דער דרייסטער רייזנדער אַוועק אין די ווייניק באַקאַנטע לענדער צו דער גרויסער אָזערע „וויקטאָריע".

פון דער ערשטער מינוט אָן האָבן די איינוואוינער פון די דאָזיקע לענדער באַגעגנט אונזער רייזנדער זייער ניט פריינדלאַך. פריער האָבן זיי געפאָדערט גרויסע צינזן פאַרן דורכלאָזן, נאָכהער האָבן זיי אויפגעהערט צו פאַרקויפן די רייזנדער עסנוואַרג. אין אייניקע ערטער האָט מען זיי גאָר באַגעגנט מיט אַ האָגל פון קוילן. אַ סך פון די באַגלייטער זיינען געפאַלן אין די שלאַכטן מיט די ווילדע. סטענלי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע מניעות און האָט פאָרט דערגרייכט דעם אָנגעמערקטן פונקט—די אָזערע וויקטאָריע. דאָ האָט ער אָפּגעקליבן 11 מאַן און איז אין אַ שיפל מיט זיי אַוועקגעפאָרן איבער דער אָזערע, כדי אויסצופאָרשן אירע ברעגעס.

די איבעריקע באַגלייטער האָבן געדאַרפט בלייבן אין דערפל. די רייזע איבער דער אָזערע איז געווען זייער אַ געפערלאַכע. די ווילדע האָבן באַשאָטן די אויסגעמאַטערטע רייזנדער מיט קוילן, ניט געלאָזן זיי אַרויסשטעלן אַ פוס אויפן ברעג. נאָך אַ לאַנגן שווימען האָט סטענלי דאָך באַשלאָסן, ניט קוקנדיק אויף קיין געפאַר, צוצושטיין צום ברעג.

גראָד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם שיינעם און פרוכטבאַרן לאַנד אוגאַנדע. די ווילדע איינוואוינער פון דעמדאָזיקן לאַנד האָבן באַגעגנט די רייזנדער גאַנץ פריינדלאַך. סטענלי איז געווען דער ערשטער אייראָפּעער, וואָס האָט זיך דאָרטן באַוויזן. דער אָרטיקער מושל איז געווען זייער אַ גאַסטפריינדלאַכער. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט סטענלין און אָנגענומען זיך אַפילו אַריבערצוטראַנספּאָרטירן די זעלנער, וואָס זיינען געבליבן אויף יענער זייט אָזערע. סטענלי האָט באַקומען אַן אָפּטיילונג זעלנער און ער איז אַוועקגעפאָרן איבער דער אָזערע. אינמיטן וועג האָבן אָבער די שוואַרצע געוואָרפן אַן אומחן אויף די געסט און געלאָזן זיי אויף הפקר. סטענלי מיט די 11 חברים זיינען געבליבן אין זייער אַ קריטישער לאַגע. קיין פּראָדוקטן האָבן זיי ניט געהאַט און זיי זיינען שיר ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער. מיט ניסים האָט זיך זיי איינגעגעבן צו דערגרייכן דעם אַנדער ברעג.

דאָ ביי די חברים האָבן זיי אויך געפונען צרות. פאַר דער צייט זיינען פיל אויסגעשטאָרבן. די איבעריקע זיינען געווען זייער אומצופרידן. סטענלי האָט זיי אַלעמען אַריבערגעפירט קיין אוגאַנדע. דער מושל האָט אים דאָס מאָל אויך פריינדלאַך באַגעגנט.

גראָד אין דער צייט האָט ער געפירט אַ מלחמה מיט אַ צווייטן שבט. די שונאים האָבן זיך פאַרקליבן אויף אַן אינזל און ער האָט מיט זיי גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכן. סטענלי האָט אים אַן עצה געגעבן, ווי אַזוי בייצוקומען דעם פיינד: ער האָט אים געהאָלפן אויסבויען אַ גרויסע שיף, אַזאַ וואָס קיינער האָט נאָך אין אַפריקע ניט געזען. אויף דערדאָזיקער שיף איז דער מושל צוגעשוואומען צום אינזל. די מורדים האָבן זיך דערשראָקן און האָבן זיך אונטערגעגעבן אָן אַ געשלעג.

פאַר דערדאָזיקער עצה האָט דער מושל מיטגעגעבן סטענלין 2000 סאָלדאַטן, וואָס זאָלן אים פאַרהיטן פון אָנפאַלן אין דער ווייטערדיקער רייזע.

דורך דעם לאַנד אוניאָראָ איז סטענלי געקומען צו די ברעגעס פון דער אָזערע מוטאַ נזיגע. דאָ האָבן אים די ווילדע ערקלערט אַ מלחמה. די אוגאַנדער סאָלדאַטן האָבן זיך דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן אַהיים. דאַן איז סטענלי אַוועק אין דער ריכטונג פון דעם לאַנד קאַראגוע. פון דאַנען איז ער געגאַנגען אויף דרום, צו לאַנד פונם באַקאַנטן מושל מיראַמבאָ.

פאַר דער צייט איז שוין סטענלי זייער באַוואוסט געוואָרן אין אַפריקע

און די שוואַרצע האָבן געהאַט פאַר אים אָפּשיי. מיראַמבאָ האָט זיך אויך ניט געוואָלט קריגן מיט אים און האָט אים איינגעלאַדן צו זיך. סטענלי איז געקומען און מיראַמבאָ האָט געשלאָסן מיט אים שלום, אויספּירנדיק דערביי די צערעמאָניע פון ברידערלאַכער בלוט. די צערעמאָניע איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקס: מיראַמבאָ און סטענלי האָבן זיך געזעצט אויף דר'ערד איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. ביי ביידן האָט מען אויסגעצאַפּט צו ביסל בלוט פון דער רעכטער פוס און דאָס בלוט צעמישט. פון דענסטמאָל אָן איז מיראמבאָ געוואָרן טע נליס בעסטער פריינד.

אין 1½ יאָר אַרום נאָכן אַרויספאָרן פון באַגאַמאַיאַ איז סטענליס קאַראַוואַן אָנגעקומען צו די ברעגעס פון דער אָזערע טאַנגאַניקע. סטענלי האָט באַשלאָסן צו באַזוכן די אומבאַקאַנטע לענדער, וואָס ליגן אויף דער אַנדער זייט פון דער אָזערע, כדי אויסצופאָרשן די ריכטונג פון דעם טייך לואַלאַבא און אַזוי אַרום פאַרענדיקן די אַרבעט פון ליווינגסטאָנען.

סטענלי האָט גענומען פונאַנדערפרעגן ביי די אָרטיקע איינוואוינער, וואָס זיי ווייסן וועגן די דאָרטיקע לענדער. די שוואַרצע האָבן אים געמאַכט שווער דאָס האַרץ; זיי האָבן דערציילט, אַז פאָרן מיט דעם טייך איז געפערלאַך. ער ציט זיך זייער ווייט אויף צפון און קיינער ווייס ניט, וואו ער ענדיקט זיך. אויף די ברעגעס וואוינען ווילדע מענטשנפרעסער, וועלכע באַגעגענען די פרעמדע מיט גיפטיקע פיילן. חוץ דעם זיינען דאָרט פאַראַן אַ סך שלאַנגען און מאַסן טערעמיטן.

סטענלי האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשראָקן און באַשלאָסן צו פאָרן מיט דעם טייך, ניט געקוקט אויף דעם, וואו ער וועט אים ניט פאַרפירן.

די באַגלייטער האָבן לכתחילה מיט אים ניט געוואָלט מיטגיין, נאָר אַז צו אים איז צוגעשטאַנען אַן אָפּטיילונג פון דעם באַוואוסטן אַראַבישן סוחר טיפּאָ-טיפּ, זיינען זיי בעסער געוואָרן און זיינען אַוועק.

די פאַראייניקטע אָפּטיילונג איז אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד. דער מאַרש דורכן וואַלד איז געווען אַ מוראדיק שווערער. די לופט איז געווען אַזוי פייכט, אַז דער טוי האָט זיך געגאָסן פון די ביימער ווי אַ רעגן.

די אויסגעמאַטערטע טרעגער האָבן קוים געשלעפּט די פיס. די ביימער און די קוסטעס זיינען געווען געדיכט צונויפגעפלאָכטן און די רייזנדער איז אויסגעקומען מיט העק אין די הענט דורכצוברעכן זיך אַ וועג. די שוכוואַרג איז צעווייקט געוואָרן און אַלע האָבן געמוזט רייזן באָרוועסערהייט. וואָס ווייטער, איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער.

אונטער די פיס זיינען געקראָכן גיפטיקע שלאַנגען. מיליאָנען מוראַשקעס האָבן ניט געלאָזן די רייזנדער צומאַכן מיט אַן אויג, פלעגן אויפרעסן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט. צו אַלע צרות האָט זיך נאָך טיפּאָ-טיפּ אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער. סטענלי איז געווען אויסער זיך פאַר פאַרדראָס. גראָד איז ער איצט אַרויס אויפן ברעג טייך. איצט עפענען זיך פאַר אים אַזוינע מיגלאַכ-

קייטן, איצט קען ער דאָך מאַכן אַזויפיל וויכטיקע אַנטדעקונגען! צוויי יאָר געוואַלגערט זיך איבער אַפריקע, געוואַרט אויף דעם איצטיקן מאָמענט, און איצט, אַז ס'איז געקומען די ריכטיקע צייט, מוז ער זיך אַנטזאַגן פון זיין אָנגעמערקטן פּלאַן און אומקערן זיך צוריק.

„ניין! — האָט סטענלי ביי זיך באַשלאָסן—צוריק וועל איך ניט גיין, עס מעג זיין וואָס עס איז! און אַז אַלע וועלן מיך פאַרלאָזן, וועל איך גיין אַליין!"

און ער האָט דאָס איבערגעגעבן די באַגלייטער. די העלדישע האַלטונג האָט געווירקט אויף די חברים און זיי זיינען פאַרבליבן.

פון איצט אָן האָט סטענלי באַשלאָסן, ניט צו דערווייטערן זיך פון טייך. די מחנה זיינע האָט ער צעטיילט אויף צוויי טייל. איין טייל איז געשוואומען אין שיפל, די אַנדערע איז געגאַנגען פאַזע ברעג. די ווילדע איינוואוינער האָבן זיך באַצויגן צו די רייזנדער זייער פיינדלאַך, זיי פלעגן כסדר אָנפאַלן אויף די רייזנדער און ניט לאָזן זיי אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

דערצו האָבן זיך נאָך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן צווישן די רייזנדער קראַנקהייטן און זיי האָבן גענומען ביסלאַכווייז אויסשטאַרבן.

טיפּאָ-טיפּ האָט באַגלייט סטענלין נאָך אַ חודש און איז דע־נאָך אַוועק אויף צוריק.

סטענלי האָט אַריינגעזעצט זיינע מענטשן אין אַ שיפל און איז געפאָרן מיטן וואַסער.

אין צוויי וואָכן נאָכן אַרום געזעגענען זיך מיט טיפּאָ-טיפּן האָט זיך סטענלין איינגעגעבן צו מאַכן די אַנטדעקונג, אַז דער טייך לואַלאַבאַ פאַראייניקט זיך מיט דעם טייך קאָנגאָ. ביז אהער האָבן די געלערנטע געהאַלטן, אַז קאָנגאָ איז ניט קיין גרויסער טייך. סטענלי איז דער ערשטער דערגאַנגען, אַז קאָנגאָ ציט זיך אויף טויזנטער קילאָמעטער און געהערט צו די גרעסטע טייכן פון דער וועלט, לואַלאַבאַ הייסט נאָר אַ טייל פון קאָנגאָ.

באַלד האָט זיך קאָנגאָ גענומען פאַרשמעלערן און ס'האָבן זיך גענומען ווייזן וואַסערפאַלן, וואַסערשוועלן און קעסלגריבער. פאָרן מיטן וואַסער איז געוואָרן אוממיגלאַך. סטענלי האָט געהאָפּט, אַז שפּעטער וועט מען קענען פאָרן מיטן וואַסער און דעריבער האָט ער געשלעפּט די שיפלאַך מיט זיך.

לאַנג האָט געדויערט, ביז וואַנען ס'איז געוואָרן מיגלאַך אַראָפּצולאָזן די שיפלאַך אין וואַסער, נאָר באַלד האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייעם ראָנד שטיינער. און אַזוינע ראָנדן זיינען געווען גאַנצע זיבן.

נאָר אָט זיינען די שיפלאַך אין וואַסער און קיין זאַך שטערט שוין ניט די רייזנדער צו שווימען איבער דעם ברייטן פרייען טייך.

איבער 3500 וויאָרסט האָט שוין סטענלי דורכגעמאַכט מיטן טייך קאָנגאָ און קיין סוף האָט זיך נאָך אַלץ ניט געזען.

סטענליס אָפּטיילונג האָט געפּילט אַ גרויסן מאַנגל אין עסנוואַרג. דאַן האָט ער באַשלאָסן צו וואַרפן דעם טייך און איז אַוועק מיט דער יבשה צו די אייראָפּעאישע ישובים, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. צו דידאָזיקע ישובים איז שוין געבליבן ניט קיין סך וועג. די לאַגע איז אָבער געווען אַזאַ, אַז אַפּילו דעם קליינעם מהלך האָבן זיי ניט געקאָנט דורכגיין צוליבן הונגער. דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָט סטענלי אויסגעקליבן 4 שטאַרקע באַגלייטער און אַוועקגעשיקט זיי נאָך עסנוואַרג אין שטאָט באָמאָ. די 4 זיינען אַוועק. די געבליבענע זיינען פאַרחלשטע געפאַלן צו דר'ערד. פאַר שוואַכקייט האָט זיך קיינער קיין ריר ניט געטאָן. די צייט האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג... נאָר באַלד זיינען אָנגעקומען די חברים מיט עסנוואַרג און אַלעמען געראַטעוועט.

דעם 9-טן אַווגוסט 1876, אין 2 יאָר מיט 4 חדשים אַרום נאָכן אַרויספאָרן פון באַגאַמאַיאַ, איז סטענלי געקומען קיין באָמאָ.

סטענלי האָט אַלזאָ דורכגעשניטן אין דער ברייט גאַנץ אַפריקע. פריער פאַר אים האָבן שוין אייניקע רייזנדער אויך געהאַט דורכגעשניטן אַפריקע. זיי האָבן דאָס אָבער געמאַכט אין אַ סך אַ שמעלערן אָרט, זיי זיינען ניט דורכגעגאַנגען דורך אַזוינע געפערלאַכע קאַנטן, ביי זיי האָט געדויערט די רייזע פון 8 ביז 9 יאָר; ביי אים—נאָר 2 יאָר מיט 4 חדשים.

אין יענער צייט האָט דער בעלגישער קייסער לעאָפּאָלד געגרינדעט אַ געזעלשאַפט אויספאָרשן אַפריקע. ער האָט איינגעלאַדן סטענלין צו זיך און סטענלי האָט אין אַ געזעלשאַפט-פון געלערנטע אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן זיין רייזע. אַלע האָבן דערזען, אַז די אַנטדעקונגען פון סטענלין קענען ברענגען אַ סך נוצן. און פריער פאַר אַלץ— דער טייך קאָנגאָ. מיט דער הילף פון דעמדאָזיקן טייך קען מען צוקומען צו די ווילדסטע ערטער פון טיפן אַפריקע.

לעאָפּאָלד האָט באַפולמעכטיקט סטענלין נאָכאַמאָל צו פאָרן קיין אַפריקע און גרינדן דאָרט אַ מלוכה פון שוואַרצע אונטערטאַניק פון בעלגיע.

סטענלי איז ווידער אַוועק קיין אַפריקע. איצט האָט ער שוין געהאַט אונטער זיך גרויסע מיליטער-אָפּטיילונגען פון אייראָפּעער און נעגערס. מיט דער הילף פון זיי האָט ער גענומען בויען שטעט, דורכהאַקן וועגן דורך די געדיכטסטע וועלדער, פאַרבינדן זיך מיט די ווייטע ווילדע שבטים.

אין 5 יאָר אַרום איז ער ווידער געקומען קיין אייראָפּע. איצט האָט מען אים געמאַכט נאָך אַ שענערן קבלת-פּנים און נאָך הייסער באַגריסט. זיין נאָמען האָט גענומען קלינגען איבער דער גאַנצער וועלט, די באַשרייבונגען פון זיין רייזע האָבן אָנגעמאַכט דעם גרעסטן רושם.

דעם לעצטן מאָל איז סטענלי געפאָרן קיין אַפריקע ראַטעווען די אייראָפּעער מיטן ענגלישן גובערנאַטאָר בראש פון די הענט פון די צעבונטעוועטע נעגערס. סטענלי האָט גלענצנד אויסגעפירט די אויפגאַבע, וואָס מ'האָט אים פאַרגעבן, און איז צוריק געקומען קיין אייראָפּע.

דאָ האָט מען אים ווידער געמאַכט אַזעלטענעם קבלת־פנים. אויף זיין נאָמען האָבן זיך באַקומען טויזנטער באַגריסונגען, פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צו אים די טייערסטע מתנות.

אין איין קול האָבן אַלע אָנגעוויזן אויף די אומגעהייערע נוץ, וואָס סטענלי האָט מיט זיינע אַנטדעקונגען געבראַכט דער וויסנשאַפט. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן אויף דעם מענטשן, וואָס האָט אָפּגעגעבן דער וויסנשאַפט אַזויפיל כוחות און אַרויסגעוויזן אַזויפיל גבורה אין דעם ווייטן ווילדן אַפריקע.

וויכטיק פאר שולן און קינדערהיימען!

ס׳זיינען ארוים פון דרוק:

1) „זאמלבוך פון קינדערלידער און שפילן מיט געזאנג“ (צווייטע אויפלאַגע)

99 לידער (טעקסט און נאָטן)

צונויפגעשטעלט פון א. בולקין און ל. עפראן.

רעדאקטירט דורך אַ קאָמיסיע ביי דער ווילנער יידישער לערער־געזעלשאפט.

---

2) „רואיקע שפילן“ — פון — א. בולקין.

אַ רייכע זאמלונג פון פארשיידענע אלגעמיינע און פאָלקסטימלאך־יידישע רואיקע קינדער־שפילן מיטן פאָלגנדיקן אינהאלט:

א. שפילן מיט פאַנדן. ב. שפילן אָן פאַנדן. ג. פריזן שפילן פאַר קינדער־יום־טובים. ד. חנוכה־שפילן. ה. פסחדיקע שפילן. ו. שפילן אויף אַ ברעט. ז. קינדער־ציילענישן און אַנדערע.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן: צו א. בולקין, לערער אין פאָלקסשול י. ל. פרץ, פילסודסקעס גאס 13. און אין ביכער־לאגער פון דער צענטר. שול־אָרגאַניזאַציע. ווילנע, קולטור־הויז, פאָליצע־געסל 3.

אין פאַרלאַג פון דער קולטור־ליגע אין ווילנע איז ערשינען אַ צווייטע אויפלאַגע פון דער כרעסטאָמאַטיע פארן IV און V לערניאָר פון פאָלקסשולן און מיטלשולן--

„דאס לעבעדיקע ווארט“

צונויפגעשטעלט פון ש. באסטאָמסקי און ז. רייזען.

20 דרוקבויגן, מיט בילדער און טעקסט און פאָרטרעטן פון די שריפטשטעלער.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן: ווילנע, פאָליצי-גאַס. צענטראלע שול-אָרגאַניזאַציע.

אַבאָנירט און פאַרשפּרייט אַלע די „די גרינינקע ביימעלאַך" און „חבר" קינדער-זשורנאַלן

דעם פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „די נייע שול" און דעם זשורנאַל פאַר עלטערן „שול און היים"

אַדרעס פון דער רעדאַקציע: ווילנע, פּאָליציי-גאַס. קולטורהויז.

דער פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול" האָט שוין אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכער:

א) לערנביכער:

1. אילוסטרירטער אַריטמעטישער רעכנבוך (פאַרן 1-טן יאָר), באַאַרבעט לויט שטעקלין און אַנדערע פון ש. באַסטאָמסקי.
2) אַריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט) באַאַרבעט לויט שטעקלין און אַנדערע פון ש. באַסטאָמסקי.
3. אַריטמעטישער רעכנביך (ערשטער טויזנט) (4 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאָמסק.
4. אַריטמעטישער רעכנבוך (גלייכע צאָלן). (3 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאָמסקי.
5. אַריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן) (3 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאָמסקי. און ל. הורוויץ מיט אַ ביילאַגע פון דער מעטאָדיק פון אַריטמעטיק אויסגעאַרבעט פון אַ קאָמיסיע ביי דער ווילנער יידישער לערער-געזעלשאַפט.
6. ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן — „לעבעדיקע קלאַנגען" אַ רייך-אילוסטרירטער אַ"ב
7. " „לעבעדיקע קלאַנגען" כריסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן לערניאָר.

ב) ביכער פאַר קינדער:

צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי

פאַר יינגערע:

1) יעקעלע נאַר, 2) יודע דער וואַסערטרעגער און זיינע מעשיות. 3) מזל, 4) צוויי מתנות, 5–6 א) דער נס, ב) דער צדיק, 7) דער בוים און דער ווינט, 8) יינגל–צינגל, 9) די אמתע כלה, 10) דריי מעשהלאַך

פאַר עלטערע:

1) פּריטשאַף נאַנסען און זיין רייזע צום צפונדיקן פּאָלוס. (רייך אילוסטרירט), 2) אין דער נאַכט פון בדיקת חמץ. 3) י. ל. פּרץ (זאַמלבוך). 4) דייוויד ליווינגסטאָן, זיין לעבן און זיינע רייזעס איבער אַפריקע. 5) העניע טשעגלי און זיינע רייזעס.

ג) מאַטעריאַל צום יידישן פאָלקלאָר:

1. יידישע פאָלקסרעטענישן. (2 אויפלאַגעס) געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי.
2. זאַמלונג פון יידישע שפּריכווערטער פאַר שול און פאַמיליע „ביים קוואַל" צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי. יידישע שפּריכווערטער, ווערטלאַך, רעדנס-אַרטן, פאַרגלייכענישן, ווינטשעניש, ברכות, שבועות, קללות, הרמזות, סימנים, סגולות, און זאַבאַבאָנעס. געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי.

ס'ווערן צוגעגרייט צום דרוק פאָלגנדיקע ביכער:

1. מרדכי אַנטאָקאָלסקי (ביאָגראַפיע מיט אילוסטראַציעס).
2. יאָהאַן גוטענבערג (דער אָנהייב פון בוך-דרוקערײַ).
3. ווי אַזוי קאָלומבוס האָט געפונען אַמעריקע?
4. בר. גרים—זאַמלונג פון אויסדערוויילטע מעשהלאַך.
5. די קעמפּער פאַר פרייהייט (אַ רײ ביאָגראַפיעס).

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צום אַדרעס: ווילנע, סטעפּן גאַס 24, 28.11.